NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 12812

DER DIN-TOYRE MITN VINT

Isaac Leib Peretz

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

י.ל. פרץ

דער דין תורה מיטן ווינט

אינסצענירט פון ש. ב.

יצחק לייבוש פרץ.

פאַרלאַג „די נייע יידישע פאָלקסשול״

ווילנע—1925

דרוקעריי ש. ס. גארבער, ווילנע, זאוואלנע 25.

י. ל. פרץ

דער דין תורה מיטן ווינט

אינסצענירט פון ש. ב.

יצחק לייבוש פּרץ.

פאַרלאַג „די נייע יידישע פאָלקסשול"

ווילנע—1925

דרוקעריי ש. ס. גארבער, ווילנע, זאוואלנע 25.

פערזאָנען:

דער גביר.
שונמית.
דער נשרף.
דער נגזל.
שלמה המלך.
1=טער ישמעאל.
2=טער "
3=טער "
זקנים.
דעם קיניגס־וואך.

–J. L. Perec.

„Der din tojre mitn wint"

inscenował S. B.

1925.

Drukarnia F. Garbera, Wilno, Zawalna 25

ערשטע סצענע.

שונמית, דער גביר.

פאַר דעם גבירס הויז.

דער גביר: וואָס בוקסטו זיך פאַר מיר, אשה? שטיי אויף און זאָג, ווער דו
ביסט און וואָס איז דיין פאַרלאַנג?

שונמית: איך בין אַן אַלמנה אַן אָרעמע, מיטן נאָמען שונמית, פון פישער־דאָרף
ביים ברעג פון ים. און געשפייזט האָב איך זיך פון שטריקן און פאַר־
ריכטן די נעצן פאַר די פישער אין פישער־דאָרף. איצט איז געקו־
מען די צייט פון ווינטן און שטורעמווינטן. קיין שיפל גייט נישט
אין ים אַריין, קיין נעץ ווערט נישט פאַרשפּרייט, בין איך געבליבן
אָן אַ ביסן ברויט. כ׳האָב שוין לאַנג קיין ביסן ברויט אין מויל נישט
געהאַט... איך בעט אַ לעבל ברויט די נשמה צו דערהאַלטן.

דער גביר: (ווייזט אַן אין הויף) זע, אשה, אָט שפּאַנט מען ערשט מיינע קעמלען און מ׳יל־
טירן אויס. פון ירושלים קום איך, איך האָב שלמה המלכס פּאַלאַץ גע־
זען. אַ פּאַלאַץ—אַ פאַרבלענדעניש! און מע לאָזט יעדן אַריין. און איך
בין אַריינגעקומען. אין אַ גאָלדענער קרוין, אויף זיין גאָלדענעם שטול
איז שלמה געזעסן, אַרומגערינגלט מיט שרים און זקנים און פאָלק;
און ער האָט פאַר זיי תורה און חכמה געזאָגט: פּערל האָבן זיך גע־
שיט פון מויל. און הער וואָס ער האָט געזאָגט: „ושונא מתנות
יחיה״—האָט ער געזאָגט—ווער עס וויל לעבן, נעמט קיין מתנות נישט.
ווער עס נעמט אומזיסט, פאַרקירצט זיך זיינע יאָרן, וואָס זיין ליבער
נאָמען האָט אים באַשערט.—דו ווילסט זינדיקן, אשה, און איך וויל נישט
זיין קיין שותף צו דיינע זינד. גאָט איז אַ דין אלמנות, ער וועט
עס מיר נישט פאַרגעסן, אַז איך האָב מיטגעהאָלפן צו פאַרקירצן דיינע
יאָרן.. אומזיסט גיב איך נישט!

שונמית: אויב אַזוי, גיב נישט אומזיסט. באָרג מיר אַ לעבל ברויט אָדער לייַ
מיר אַ ביסל מעל, וועל איך עס מיר אַהיים טראָגן און אָפּבאַקן און
דאָס לעבן דערהאַלטן און דאַנקען דיר און בעטן פאַר דיין לעבן...

דער גביר: דאָס אויך נישט, אשה! עבד לוה לאיש מלוה—האָט שלמה המלך גע־
זאָגט: ווער עס לייט, קויפט זיך אַ קנעכט—און קנעכט קויף איך
מיר פרעמדע, נישט מזרע אברהם, יצחק ויעקב. איך וויל אייגן פלייש
און בלוט, בפרט אַן אלמנה, פאַר קיין קנעכט נישט האָבן... איך
באָרג דיר נישט, איך לייַ דיר נישט!

שונמית: זאָל איך פאַלן פאַר הונגער פאַר דיינע פיס? דאָס וועט בעסער גאָט
געפעלן? דעם דין אלמנות?

דער גביר: דו ווייסט, אלמנה שונמית, פאַר מיינע פיס פאַר הונגער נישט פאַלן...
העלפן וועל איך דיר, ווי גאָט איז מיר ליב! נאָר העלפן וועל איך
דיר מיט אַן עצה: גיי און זיי זוכה פון הפקר!

שונמית: וואָס מיינט איר דערמיט? הפקר איז אין מדבר, צום מדבר איז דריי־

טעג, און וואָס געפינט מען דאָרט? גרעולעך אויסגעטריקנטע? טרייבט איר שפאַס פון אַן אָרעמער אלמנה און פאָרכט אייך נישט פאַר דעם, וואָס לעבט אייביק און וועגדט פון יתומים מיט אלמנות קיין אויג נישט אָפּ?

דער גביר: איך שפּאַס נישט, אשה, גאָטספאָרכטיק בין איך פון געבורט, און ניט צום מדבר נאָך גראָזן שיק איך דיר. הער, וואָס איך מיין... נויג דיין אויער, אשה, און הער: מיין קאַמער איז צינד לער. די הונדערט זעק מיטן ווייסן ווייצן=מעל ווי שניי האָב איך, ווי איך האָב שוין דערמאָנט, קיין ירושלים אָפּגעפירט, צום מלך שלמה אין פּאַלאַץ אַריין, און די ברעטער, וואָס האָבן זיך אונטער די זעק גע=בויגן, זיינען פריי, אָבער ווייס, גאַנץ ווייס זיינען די ברעטער; באַ=דעקט מיטן שטויב, וואָס מיט אים האָבן די זעק געשוויצט. דער שטויב איז הפקר, דער שטויב איז נישט מיין. גיי על פּן אין קאַמער אריין, וויש דיר די ברעטער אָפּ, זאַמל דעם שטויב פון ווייסן ווייצן=מעל ווי שניי, נעם אהיים, לייג אָן אַ פייער, קלייב שפּענדלעך אויפן וועג — באַק דיר דיינע קיכלעך אָפּ. זאָל זיין ליבער נאָמען אַריינשיקן די ברכה אין דיין שטויב פון מעל, און עס און דערקוויק דיך... און לויב גאָט...

(פאָרהאנג.)

צווייטע סצענע.

דער נשרף, דער נגזל.

(די אלמנה זיצט ביי זיך אין ביידל. אויפן טישל פאר איר ליגן דריי ברייטלעך, די נעמט איין ברויטל און וויל אנהייבן עסן, עפנט זיך מיט אימפעט פון דרויסן די טיר און אין ביידל פאלט אריין א מענטש מיט א געשריי.)

דער נשרף: ראַטעוועט אַ מענטשן פון טויט! שוין דריי טעג און דריי נעכט אין מויל נישט געהאַט... אַ שרפה איז אויסגעבראָכן אין מיין דאָרף, אינ=מיטן דער נאַכט, ווען אַלע זיינען געשלאָפן האָט אויסגעבראָכן די בראַנד. אַ פייער איז פון הימל געפאַלן, און דער שטורעם האָט דעם פייער איבערן גאַנצן דאָרף צעיאָגט... אַלץ איז פאַרברענט געוואָרן, איך איינער בין פון די פלאַמען, פייער און די זיילן רויך מיטן לעבן ארויס. אַלץ איז געוואָרן אַ רויב פאַר דער בראַנד: מאַן, ווייב און קינד, שאָף און רינד און האָב און גאָב. און דריי טעג און דריי נעכט לויף איך אַרום, פון פייער געיאָגט, פון שרעק געטראָגן און אָן אַ ביסן ברויט.

די אלמנה: (דערלאנגט אים א ברויטל) נאַ, גיי אַרויס און עס... און דערהאַלט דיין נשמה... (דער נשרף אָפּ. די אלמנה אליין) אַ דאנק זיין ליבן נאָמען, וואָס האָט מיר ברויט געשענקט, און נאָך אַ מצוה, אַ מענטשן ביים לעבן צו דערהאַלטן באַשערט... (וויל דעם צווייטן ברויטל נעמען צום מויל, גאָר סיעפנט זיך נאָכאמאָל די טיר און א צווייטער מאַן פאלט אין דער אלמנהס ביידל אריין.)

דער נגזל: ראַטעוועט אַ מענטשן פון טויט... (עס פאַרפעלט אים אָטעם. אַקורצע פּויזע און ער רעדט ווייטער.)

דער גזל: איך בין אַ רייכער מאַן געווען. הערטן שאָף און רינדער אין סטעפּ געפּאַשעט, אין רייכע געצעלטן מיט ווייב און קינדער געוווינט און יונגען געזונטע ביים שאָף און רינד געהאַלטן... פּלוצלונג זיינען בעדוינער ווי אויף די פליגלען פון ווינט אָנגעפלויגן אויף זייערע פערד מיט בויגן געשפּאַנטע אין די הענט, פון אַלע זייטן אונדז אַרומגערינגלט מיט אַ האָגל פיילן באַשיט, די יונגען מיט ווייב און קינד געטויט, די הערטן אָפּגעפירט און מיט זיי אין ווייטן ברייטן סטעפּ פאַרשווונדן... און אַז דער סטעפּ האָט אויפגעהערט אָפּצוקלינגען זייערע טריט, האָב איך זיך איינער אַ לעבעדיקער פון צווישן די טויטע אויפגעהויבן און בלאָנדזשע שוין דריי טעג און דריי נעכט אַרום אָן אַ ביסן ברויט... איידער איך בין צו דיר געקומען. דערלאַנג, האָב רחמנות אַ ביסן צום מויל, אַנישט, פאַל. איך אַ טויטער צו דיינע פיס... (שונמית דערלאַנגט אים דעם צווייטן ברויטל. דער גזל אָפּ.)

שונמית: אַ דאַנק און אַ לויב זיין ליבן נאָמען פאַר דער צווייטער גרויסער מצוה, וואָס ער האָט מיר באַשערט. (נעמט זיך צום דריטן ברויטל און וויל עס שוין נעמען צום מויל. רייסט זיך פּלוצלונג אויס מיט באַנייטע כוחות פון צפון דער ווינט און רייסט דער אלמנה דעם דריטן ברויטל פון דער האַנט אַרויס. דאָס ביידל פאַלט איין. שונמית בלייבט פאַרצווייפלט. אַ ווייל‍ע שטייט זיך פאַרטראַכט, נאָכדעם) וואָס האָט גאָט פון מיר געוואָלט? וואָס האָט גאָט מיט מיר, דער אלמנה, געטאָן? איין ברויטל האָט ער מיר צוגענומען פאַר אַן אַנטלאָפענעם פון פייער, רעכט! זאָל זיין געלויבט זיין נאָמען! דעם צווייטן—פאַר אַ געראַטעוועטן פון גזלנים. אויך געלויבט זיין ליבער נאָמען! ער האָט געגעבן, ער האָט גענומען, פאַר אַ בילכערן פון מיר... אָבער דעם דריטן ברויטל? אויסצורייסן ביי אַן אלמנה פון מויל און שליידערן אין ים אַריין?!—דאָס איז מיר אוממיגלעך צו פאַרשטיין... ניין, גאָט ווייס נישט דערפון, דאָס האָט דער ווינט אַליין, מיט זיין אייגענעם ווילן, אָן גאָטס ווּיסן און קעגן זיין רצון געטאָן; זיין ליבן נאָמען, וואָס שפּייזט אלמנות און יתומים, להכעיס. אַנדערש קען נישט זיין! איך וועל עס דעם ווינט, דעם גזלן, נישט שענקען. איך וועל דעם ווינט פאַרקלאָגן... (טראַכט אַ ווײלע) פאַר וועמען? פאַר דעם מלך שלמה, פאַר אים וועל איך האָבן אַ דין-תורה מיטן ווינט. קיין ירושלים וועל איך גיין! (פאַרדעקט דעם פּנים מיט דער צעריסענער שאַל און לאָזט זיך אין וועג אַריין.)

(פאָרהאַנג).

דריטע סצענע.

(ביי שלמה המלך אין פּאַלאַץ. דער מלך—אויף זיין שטול. אַרום—זקנים, וכד.)

שונמית: אַדוני המלך, אַ דין תורה האָב איך.

שלמה המלך: מיט וועמען? איך זע דו קומסט אַליין.

שונמית: מיטן ווינט.

שלמה המלך: מיטן ווינט?

שונמית: איך בין די אלמנה שונמית פון אַ פישער=דאָרף ביים ברעג פון ים הגדול, און געשפּייזט האָב איך זיך פון שטריקן און פאַרריכטן די נעצן פאַר די פישער אין פישער=דאָרף. איז געקומען די צייט פון ווינטן און שטורעמווינטן. קיין שיפל גייט נישט אין ים אריין. קיין נעץ ווערט נישט פאַרשפּרייט, בין איך געבליבן אָן אַ ביסן ברויט...

שלמה המלך: האָבן דען שכנים געלאָזט הונגערן אַן אָרעמע אלמנה?

שונמית: איך בין נישט געגאַנגען אין די אָרעמע פישער-הייזלעך בעטן ברויט: עס האָט געפעלט אומעטום...

שלמה המלך: און וועגדן זיך ווייטער פון דאָרף?

שונמית: כ'האָב זיך טאַקע געווענדעט עטלעכע מייל פון דאָרף אין אַ גרויסן הויז מיט אַ גרויסן געהויף ווײַנט אַ רייכער ייד, וואָס איז געבענטשט געוואָרן פון זיין ליבן נאָמען מיט פעלדער פעטע, פרוכטבאַרע גערטנער און גאַנצע וועלדלעך איילבערטן, און מיט הערטן שאָף און רינדער און מוילטירן און קעמלען. און אַז כ'האָב געזען, אַז די ווינטן לייגן זיך נישט, דער הימל איז נאָך אַלץ אַ בייזער, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז איך מוז שוין אָנקומען צו מתנת בשר ודם און כ'האָב זיך געלאָזט פון דאָרף אַרויס אין וועג אַריין צום רייכן יידן. האָט דער גביר מיר געגעבן רשות צונויפצוקלייבן דעם שטויב פון די ברעטער, אויף וועלכע ער האָט געפירט זעק מיט ווייצנמעל אַהער קיין ירושלים. כ'האָב צונויפגעקליבן שפּענער אויפן וועג, געמאַכט אַ פייער און אויסגעבאַקן זיך דריי ברויטלעך... איך וויל אָנהייבן צו עסן, לויפט אַריין צו מיר אַ נשרף און דערציילט, אַז דריי טעג און דריי נעכט האָט ער אין מויל נישט געהאַט. האָב איך אים אָפּגעגעבן אַ ברויטל... איך וויל נעמען דאָס צווייטע ברויטל צום מויל, פאַלט פלוצים אַריין אַ גזל און בעט אַ שטיקל ברויט, די נשמה צו דערהאַלטן. האָב איך אים דאָס צווייטע ברויטל געגעבן... איך וויל נעמען דאָס לעצטע ברויטל צום מויל, רייסט זיך פלוצלונג אַריין פון צפון אַ ווינט און רייסט מיר אַרויס דאָס ברויטל פון דער האַנט און שליידערט עס אין ים אַריין... וואָס האָט גאָט מיט מיר, דער אַלמנה, געטאָן? איין ברויטל האָט ער ביי מיר צוגענומען פאַר אַן אַנטלאָפענעם פון פייער. רעכט! זאָל זיין געלויבט זיין נאָמען! דעם צווייטן—פאַר אַ געראַטעוועטן פון גזלנים. אויך—געלויבט זיין ליבער נאָמען! ער האָט געגעבן, ער האָט גענומען פאַר אַ בילכערן פון מיר... אָבער דעם דריטן ברויטל? אויסצורייסן ביי אַן אַלמנה און שליידערן אין ים אַריין?! דאָס איז מיר אוממיגלעך צו פאַרשטיין!.. און ס'איז מיר איינגעפאַלן, אַז גאָט ווייס גאָר נישט דערפון... אַז דאָס האָט דער ווינט אַליין מיט זיין אייגענעם ווילן, אָן גאָטס וויסן און קעגן זיין רצון געטאָן, זיין ליבן נאָמען, וואָס שפּייזט אלמנות און יתומים להכעיס. אַנדערש קען נישט זיין און איך וויל דעם ווינט דעם גזלן נישט שענקען. אַדוני המלך, משפּט צווישן מיר און דעם ווינט!

שלמה המלך: גוט—דיין פּנים איז דיין עדות. ער איז מיד, און אין דיינע אויגן ברענט דער הונגער. וועסטו דיך קודם כּל דערפרישן, זעץ דיך דער-

ווייל, אשה, אין אַ ווינקעלע, מע וועט דיר דערלאַנגען ברויט און וויין... עס און טרינק און דערהאַלט דיין נשמה, דערנאָך וועסטו הערן דעם פסק...

(די אלמנה גייט צוועק אין אַ ווינקעלע. אויף דעם מלכס ווונק דערלאַנגט מען איר ברויט און וויין. עס קומען אריין דריי ישמעאלים מיט זעקלעך אויף די אַקסלען.)

שלמה המלך: וואָס איז אייער פאַרלאַנג, פרעמדע מענער? און וואָס טראָגט איר אין די זעקלעך אויף אייערע אַקסל?

1-טער ישמעאל: ישמעאלים סוחרים זיינען מיר. האַנדלען מיט צירונג טייערע און כלים און בשמים די טייערסטע. זיינען מיר זאַלבעדריט געפאָרן אין אַ שיפל איבערן ים... ווינטן זיינען געוועזן. אומרויק איז געווען דער ים. זיינען מיר אָבער שטאַרקע און געניטע לייט, שרעקן זיך פאַר קיין ווינטן נישט, שווימען מיר וואַל-אַרויף, וואַל-אַראָפּ...

2-טער ישמעאל: האָט אָבער איינמאָל פאַרנאַכט, אָנגעהויבן דאָס שיפל צו נעצן... געלעכערט איז ערגעץ געוואָרן, און מיט וואָס צו פאַרשטאָפּן איז נישטאָ. שרייען מיר, אפשר וועט מען דערהערן פון ברעג און קומען צו הילף. הערט קיינער נישט. דער ווינט כאַפּט אונדזערע געשרייען און צעוואַרפט איבערן ים, די כוואַליעס כאַפּן אויף די קולות און אַנטלויפן מיט זיי אין דער נאַכט אַריין... דאָס שיפל נעצט און הייבט אָן צו זינקען...

3-טער ישמעאל: שרייען מיר צו גאָט, צו אונדזער גאָט—ער הערט נישט! רופן מיר צו אַנדערע געטער: צו גאָט פון מואָב, צו גאָט פון פלישתים—קיינער ענטפערט נישט! האָבן מיר זיך דערמאָנט, אַז עס איז דאָ אַ גאָט פון ישראל... פרוּוון מיר: „גאָט פון ישראל, ענטפער אונדז אין דער נויט! און אַ נדר טוען מיר: דאָס גאַנצע גאָלד און זילבער, וואָס מיר האָבן געלייזט, גיבן מיר דיר אַוועק פאַר אונדזערע נפשות. נאָר ראַטעווע אונדז! ראַטעווע, גאָט פון ישראל!” אין דער רגע האָט זיך אַ שטאַרק געטאָן דער ווינט! עפּעס פון ברעג אין שיפל אַריין מיט אַ געוואַלדיקן כח אַריינגעשליידערט, פּונקט אין לאָך פון שיפל אַריין, און האָט עס פאַרשטאָפּט... און באַלד האָט זיך געלייגט דער ווינט, און מיר זיינען בשלום צוגעקומען צום ברעג...

1-טער ישמעאל: האָבן מיר ביי לייטן נאָכגעפרעגט: ווו הויזט דער יידישער גאָט? מיר ווילן אונדזער נדר מקיים זיין! האָט מען אונדז אָנגעוויזן נאָך ירושלים.

2-טער ישמעאל: זיינען מיר מיט אונדזערע זעקלעך קיין ירושלים געקומען און אין די גאַסן די מענטשן אויסגעפרעגט: „ווו איז אייער גאָט? מיר ווילן אים זען!” האָבן לייט אונדז געענטפערט, אַז דעם גאָט פון ישראל זעט מען נישט—„מיר דאַרפן אים דאַנקען, כבוד אָפּגעבן און אַ מתנה דערלאַנגען!”. האָבן זיי מיט די אַקסלען געדריקט, אַנדערע האָבן אונדז אויסגעלאַכט...

3-טער ישמעאל: און עלטערע לייט, וואָס מיר האָבן באַגעגנט און זיי זיך פאַרטראַכט, און אַן עצה געפרעגט: וואָס טוט מען מיט אונדזער נדר, ווען מען זעט נישט קיין גאָט, האָבן זיי אונדז געזאָגט, אַז מען זאָל טאָן, זיי ווייסן נישט...

זילבער און גאָלד, האָבן זיי קיין באַשייד נישט געוווסט, נאָר איינער פון זיי, דער עלטסטער, האָט אונדז געראָטן, מיר זאָלן זיך ווענדן, גרויסער האַר און מלך, (אַלע בוקן זיך) מיט אַ שאלה צו דיר; דו ביסט, האָבן זיי געזאָגט, דער קליגסטער אויף דער גאַנצער וועלט. און דו וועסט וויסן אונדז צו ראָטן, ווי אַזוי אונדזער נדר מקיים צו זיין. צו טאָן מיטן גאָלד און זילבער לויט דעם ווילן פון גאָט פון ישראל. (זיי בוקן זיך)

שלמה המלך: האָט איר, פרעמדע לייט, באַטראַכט, וואָס דער ווינט האָט אייך פון ברעג אין שיפל אַריינגעשליידערט, מיט וואָס ער האָט דאָס לעכל פאַרשטאָפּט, איר זאָלט נישט אונטערגיין? —

1-טער ישמעאל: מיר האָבן געזען, גרויסער מלך! אַרויסגענומען און גוט באַטראַכט, אַ קליין ברויטל איז עס געווען, אַ ווייך, גיט דערבאַקן ברויטל... מיר האָבן עס געבראַכט דיר צו ווייזן, מלך!

(נעמט דעם ברויטל פון בוזעם אַרויס און ווייזט עס.)

שלמה המלך: שונמית, דערקען, איז עס נישט דיין ברויטל?

שונמית: מיין ברויטל?..

שלמה המלך: די דריי זעקלעך גאָלד און זילבער גיט אָפּ דער אַלמנה! (די ישמעאלים דערלאַנגען דער אלמנה די זעקלעך, בוקן זיך און גייען אַרויס. שלמה המלך צו דער אלמנה) נעם דאָס גאָלד מיטן זילבער! עס איז דיין! דאָס האָט דיר גאָט פאַר דיין דריטן ברויטל באַצאָלט... אין זיי וויסן, אַז קיינער טוט נישט גאָט להכעיס, אַז אַלץ געשיט לויט זיין ווילן. און אַז נאָר זיין שליחות טוט דער ווינט.

(פאָרהאַנג.)

קאטאלאג פון „נייע יידישע פאלקסשול“ פארלאג

ווילנע, סטעפאן גאס 24. ה. 28.

לערנביכער.

רעכנביכער פון ש. באסטאמסקי.

1. אילוסטרירטער אריטמעטישער רעכנבוך פארן 1-טן לערניאר.
2. אריטמעטישער רעכנבוך (ערשטער הונדערט)
3. אריטמעטישער רעכנבוך (ערשטער טויזנט)
4. אריטמעטישער רעכנבוך (גלערליי צאלן)
5. אריטמעטישער רעכנבוך (ברוכצאלן)

לערנביכער אויף יידיש

פון ש. באסטאמסקי און מ. חיימסאן.

6. לעבעדיקע קלאנגען. א. ב.
7. „לעבעדיקע קלאנגען“— כרעסטאמ. פארן 1-טן לערניאר.
8. „לעבעדיקע קלאנגען“— כרעסטאמ. פארן 2-טן לערניאר.
9. „לעבעדיקע קלאנגען“— כרעסטאמ. פארן 3-טן לערניאר.
10. דאס נייע ווארט—כרעסטאמאטיע פאר די עלטערע קלאסן.

ביבליאטעק פאר יינגערע קינדער:

פון, ש. באסטאמסקי.

1. יעקעלע נאר.
2. יודע דער וואסערטרעגער און זיינע מעשיות.
3. מזל.
4. צוויי מתנות.
5. א) דער נס, ב) דער צדיק.
6. דער גזים און דער הינט.
7. ייגל ציגעל—לויט גר. גרים.
8. די אמתע כלה „ „
9. דריי מעשהלאך אין וואלד.
10. פשוטמאכער און זין. בר. גר.
11. דער העלדישער שניידערל „
12. האנס און גרעטכען. „
13. רויט היטעלע. „
14. א מעשה מיט 7 ציגעלאך.
15. קארוזע—פון דעם לעבנסוועג די איטאליענישע קינדער, וואס ארבעטן אין די שאכטעס.
16. גיזבער הגיטן—(פון „עם לעבן פון די קרילנגר עבער)
17. דער ליגנער—(א מעשהלה)
18. די נאשערקע—
19. מעשהלאך פון עזאפ. (הו וו.
20. „ „ „
21. „ „ „
22. דער פארשלאפענער (צום זייד— (יידישע פאלקסמעשה).
23. צוויי יתומים—(פאלק מעשה- לע פאר קלענערע קינדער),
24. לעגנדעס פון אמאל— וועלכע גנדער מוקדן און די פ. זיען, דער משנה, דער ו די- כישער חכם סאלאמא. . . .
25. דאס גרויסע הארץ (מעשה וכו')
26. דאס הינטעלע—(מעשה).
27. דער קייסער און דער חזיר— (יידישע פאלקסמעשה).
28. פאלקסמעשיות און לעגענדעס פון אלטן פראג
29—31. „דער קונדס“— 1, 2, 3. (זאמלונגען פון רעטענישן, אויס- צאבן, שפילן, רעבוסן, וויצן, חערטלאך, גיכווערטלאך א.א.).
32. בוסתנאי—(פאלקסמעשה).

ביבליאטעק פאר עלטע- רע קינדער: פון ש. באסטאמסקי

1. פרישאף נאנסען. . . . . .
2. דייוויד ליווינגסטאן. . . . .
3. הענרי סטענלי . . . .
4. ווי אזוי קאלומבוס האט אנטדעקט אמעריקע?
5. אין דער נאכט פון בדיקת חמץ.
6. וואלף . . . .
7. ווי אזוי מע מאכט פאפיר?
8. יאהאן גוטענבערג . . . .
9. דזשעמס וואט . . . .
10. ראבערט פולטאן . . . . .
11. דזשארדזש סטעפענסאן . .
12. י. ל. פרץ — זאמלבוך.
13. געללא און פאטראס. . .
14. פריילינג קומט—פאנטאסס. קינדער-פיעסע אין 2 אקטן.
15. די באפרייונג פון די שווארצע קנעכט—(דאס לעבן פון די שווארצע נעגערס און א ריי ביאגראפיעס פון די קעמפער פאר זייער באפרייונג: טוסען-סאן, האווקער, ביטשער סטאו, אייבראם לינקאלן, בוקער וואשינגטאן א. אנד. (אילוסטרירט)
16. מרדכי אנטאקאלסקי—ביא- גראפיע פון דעם גרויסן יידישן סקולפטאר. רייך אילוסטרירט מיט די וויכטיקסטע בילדער פון זיינע ווערק. . . .
17. די שווייץ—פון דער ווייטע „פעלקער און לענדער“ . .
18. די פאסט אמאל און היינט.
19. דזשארדזש וואשינגטאן און דער קאמף פאר דער אומאפהענ- גיקייט פון די שטאטן . . . .
20. בענדזשאמען פראנקלין . . .
21. די קוילנגרעבער—פון עמיל זאלא.

מאטעריאלן צום יידישן פאלקלאר

געזאמלט און דערקלערט

פון ש. באסטאמסקי.

1. יידישע פאלקסרעטענישן—3-טע פארגרעסערטע אויפלאגע מיט צאמ- לאגע פון ש. אנ-סקיס רעצענזיע.
2. זאמלונג פון יידישע שפריכ- ווערטער פאר שול און פאמיליע.
3. ביים קוואל 1-טער באנד— יידישע שפריכווערטער, ווערט- לאך, רעדנסארטן, פארגלייכענישן, ווינטשעניש, ברכות, שבועות, קללות, חרמות, סגולות און זאבאבאנעס. . .
4. ביים קוואל 2-טער באנד— יידישע פאלסלידער. . . .

אויפן לאגער געפינען זיך:

1. ק. פ. יאגאדאווסקי (יידיש— מ. חיימסאן) „זומערדיקע ארבעטן אויף נאטורוויסנשאפט. זאאלאגיע און באטאניק.
2. דאס לעבעדיקע ווארט— כרעסטאמאטיע פון ש. באסטאמ- סקי און ג. רייזע.

Katalog Wydawnictwa „Nowa Szkola Zydowska"
Wilno. Stefanska 24 m. 28.